# פרשת מצורע ב׳ – ח׳ ניסן תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת מצורע***

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות שנערכה על ידי **כ"ק מרן רבינו שליט"א** ומשפחתו, לרגל נישואי בן הר"ר **שרגא צבי פישמאן** הי"ו, והתקיימה בבית **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**. אחר שנשמעו דברי ברכה מאת **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א**, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** תורה זאגט די וואך, אז בשעת מען האט מטהר געווען א מצורע, האט מען געדארפט ברענגען שתי צפרים ועץ ארז ושני תולעת ואזוב (ויקרא יד-ד). און רש"י ברענגט צו, אז וועגן דעם האט מען געדארפט ברענגען צפרים, ווייל א צפור איז מפטפט, א צפור האלט אין איין רעדן, עס טשעפטשעט א גאנצע צייט. און א מצורע קומט דאך אויף דעם וואס ער האט גערעדט לשון הרע, ער איז אויך ארומגעגאנגען פון איין פלאץ צום אנדערן פלאץ, און גענומען נייעס פון דא און פון דארט, און גערעדט וואס מען האט נישט געדארפט. און אז דער מצורע קומט זיך מטהר זיין, האט מען אים געהייסען אז ער זאל נעמען א צפור, און ער זאל עס שחט'ן. דער צפור איז מפטפט, און ער האט אויך געטון די זעלבע עבירה אזוי ווי דער צפור, זאל מען שחט'ן דעם צפור, צו ווייזען פאר אים א סימן, אז מען דארף אכט געבן ווי אזוי מען רעדט.

**עס** שטייט פונעם **ערשטען בעלזער רב זי"ע**, אז די תורה האט געהייסען מען זאל ברענגען צוויי צפרים, איינס זאל מען שחט'ן, און די אנדערע האט מען געלאזט לעבן, און מען האט עס אוועקגעשיקט על פני השדה. ווען די תורה וואלט געהייסען מען זאל ברענגען איין צפור, אדער צוויי צפרים, און מען זאל זייביידע שחט'ן, וואלט מען פארשטאנען אז דער טעם איז, כדי מכפר צו זיין אויף דעם וואס ער האט גערעדט לשון הרע. אבער די תורה האט דאך געהייסען אז איינס זאל מען לאזן לעבן, און עס אוועקשיקן אויפן פעלד, איז דאך טייטש, אז דער צפור קומט נישט פאר א כפרה, וואס איז דער טעם אז דער אייבערשטער האט געהייסען, אז מען זאל נעמען א צפור החיה, און מען זאל אים לאזן לעבן.

**האט** דער **בעלזער רב זי"ע** געזאגט, דער כח הדיבור, איז זייער חשוב ביי א מענטש, אבער אכט צו געבן ווי אזוי צו רעדן, איז נאך חשובער. דער מצורע האט געזינדיגט, ער האט גערעדט וואס מען האט נישט געדארפט, האט ער געדארפט האבן א תיקון דערויף. עס איז אבער דא אמאל, וואס שווייגען איז אויך א חסרון. מען דארף רעדן, און מען קען נישט שווייגען. אמאל איז דא וואס א מענטש דארף רעדן דברי תורה, און ער דארף רעדן אין תפלה וכדומה, און טאמער ער שווייגט דארט, און ער רעדט נישט, איז עס א עון. אמאל איז דא אן ענין פון הכרת הטוב, וואס מען דארף ארויסברענגען פאר יענעם, וואס מען איז אים שולדיג, מכיר טוב זיין וואס מען האט געטון, און אז מען איז שטיל און מען רעדט נישט, איז דאס אויך א עון.

**דער** מצורע האט געזינדיגט מיט צוויי זאכן. ער האט געזינדיגט אין רעדן, און אויף דאס וואס ער האט גערעדט, האט די תורה געהייסען אז ער זאל ברענגען א צפור, און מען זאל עס שחט'ן, צו ווייזען אז ער זאל אויפהערן צו רעדן. וועט אבער דער מענטש מיינען, אז ער גייט יעצט ווערן א שתקן, ער גייט נישט רעדן מער אין תורה און תפלה און אין אנדערע זאכען וואס מען דארף רעדן, האט די תורה געזאגט, ניין. אפילו דו שחט'ס דעם צפור, עס דארף אבער אויך זיין א צפור החיה. מען דארף איבערלאזן איין צפור, און ושלח אותו, שיק אים אוועק, און ער זאל ווייטער מפטפט זיין, צו לערנען דעם מענטש, אז עס איז דא א צייט צו שווייגען, און עס איז דא א צייט צו רעדן, עת לחשות ועת לדבר (קהלת ג-ז).

**מען** זיצט ביי א סעודת שבע ברכות, עס איז עת לדבר, אמאל דארף מען ארויסברענגען דעם הכרת הטוב וואס מען איז שולדיג פאר יענעם. מען גיט אוועק אזויפיל צייט און כח און מיה, און אסאך מאל איז מען מקבל חצים ובלסטראיות, און מען נעמט עס אריין אין זיך, און מען טוט וואס מען

דארף צו טון. קומט זיך א הכרת הטוב, דאנקבאר צו זיין אויף וואס מען האט געטון. מען געפונט אין רש"י מערערע מאל (שמות ז-יט, דברים כו-ג), אז כפוי טובה איז א געוואלדיגע שלעכטע מדה. דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, אז ער זאל נישט ברענגען אויף די מצרים די מכה פון דם, ער זאל נישט שלאגן דעם יאור, ווייל ער קען נישט זיין א כפוי טובה פאר דעם יאור וואס האט אים מציל געווען. ער האט נישט געקענט שלאגען די ערד ביי צפרדע און כנים, וויל די ערד האט אים א טובה געטון, אז עס האט אריינגענומען דעם מצרי. א יוד טאר נישט זיין א כפוי טובה, נאר ער איז מחויב מכיר טובה צו זיין פאר דעם וואס האט אים געטון גוטס.

*

**אין** סוף פון די פרשה, איז דא די פרשה פון נגעי בתים. און רש"י (ויקרא יד-לד) זאגט, אז עס איז א בשורה טובה. דער אייבערשטער האט געזאגט, ווען מען וועט אריינקומען קיין ארץ ישראל, וועט זיין א נגע אינעם בית, און דער כהן וועט הייסען מען זאל צוברעכן די הויז, און די אמוריים פלעגן צו באהאלטן זייערע אוצרות אין די ווענט, און דורך דעם וואס מען וועט צווארפען די וואנט, וועט מען טרעפן אינווייניג די אוצרות, איז עס א בשורה טובה אז עס גייען קומען נגעי בתים.

**אבער** עס דארף האבן א ביאור, אז דער אייבערשטער וויל געבן פאר א יוד א אוצר, מוז מען אים נישט קודם מאכן א נגע, און צוברעכן די הויז וכדומה. עס איז דא כמה דרכים למקום, ווי אזוי דער אייבערשטער קען מאכען אז ער זאל באקומען דעם אוצר. פארוואס איז געווען דער וועג ווי אזוי דער אייבערשטער האט צוגעפירט אז ער זאל טרעפן א אוצר און ער זאל נתעשר ווערן, דורך דעם וואס ער האט קודם געהאט א נגע, און דורך דעם נגע האט ער געמוזט צווארפען די הויז, און נאכדעם האט ער געטראפן דעם אוצר, און ער האט געקענט צוריקבויען נאך א שענערן הויז פון וואס ער האט געהאט פריער.

**עס** קען זיין, אז זוכה זיין צו א אוצר, מוז א יוד האבען זכותים. דער אייבערשטער גיט נישט פאר יעדן איינעם סתם אזוי, אז ער זאל טרעפן א אוצר אין זיין בית. וואס איז דער זכות וואס א מענטש קען טון, אז ער זאל זוכה זיין צו טרעפן דעם אוצר. אז ער פאלגט וואס דער כהן זאגט. דער אייבערשטער גיט אים קודם א נגע, און ער גייט צום כהן, און ער טוט וואס דער כהן הייסט אים. אז דער כהן הייסט אים אז ער זאל צושפארן די שטוב, שפארט ער צו די שטוב. אז דער כהן הייסט אים נעם ארויס די שטיין, נעמט ער ארויס די שטיין. ווען עס קומט צוריק, און דער כהן הייסט אים אז ער זאל צווארפען דעם הויז, האט ער נישט קיין קשיות, פארוואס מען האט אים אזוי געהייסען טון, דעמאלטס קען ער זוכה זיין צו טרעפן א אוצר. ווילאנג ער האט נישט געהאט א נגע, און ער איז נישט געגאנגען צום כהן פרעגן וואס ער דארף צו טון, און פאלגען וואס דער כהן זאגט, איז מען נישט זוכה צו א אוצר. נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן א נגע, דער מענטש האט זיך אונטערגעווארפן צו טון וואס דער כהן האט אים געהייסען טון, דעמאלטס קען ער זוכה זיין צו טרעפן דעם אוצר אינווייניג.

**דער** בעל שמחה, הערשי זאל זיין געזונט, וואס מען הייסט אים טון, טוט ער. נישט נאר וואס מען הייסט אים, נאר אפילו וואס מען הייסט אים נישט צו טון, טוט ער אויך. ער שטייט צו הילף צו וואס עס פעלט אויס. זאגט די תורה, אז נאכדעם טרעפט מען א אוצר. און ער האט ב"ה געטראפן א אוצר. א אוצר איז נישט אייביג נאר געלט, נאר אז מען האט א גוטע שטוב, קינדער תלמידי חכמים, מען טוט שיינע שידוכים, איז עס אסאך מאל חשובער פון א אוצר מיט געלט. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען אויפשטעלן שיינע יודישע שטובער. המוקיר רבנן הויין ליה בנין רבנן (שבת כג:), דער אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל זעהן אסאך יודיש נחת, ביי דעם זיווג און ביי אלע קינדער ווייטער. קענען דינען דעם אייבערשטען מיט צדקה און חסד, טון גוטס פאר אנדערע יודען. דין נפיש מדבית אבא, ער האט זיך געהאט פון ווי צו לערנען, פון א שטוב וואס ער האט געזען אזויפיל עשיית חסד. זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל ווייטער נמשך ווערן נחת און הרחבה. און די זיידעס זאלן זעהן

אסאך נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און מיר אלע זאלן זיך קענען צוזאמקומען מתוך שמחה, און זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>מתוך השיחה בסעודת השבע ברכות:</u>***

**הר"ר שרגא צבי:** איך האב געדאווענט די וואך (פ' החודש) אין אלכסנדר שטיבל, זיי זאגן נישט די יוצרות.

**רבינו:** אין חב"ד זאגט מען אויך נישט קיין יוצרות. אין פאלם ספרינגס איז דא א חב"ד שטיבל, און דער **באבובער רב, רבי שלמה זצ"ל**, פלעגט צו דאווענען דארט ווען ער איז געווען דארט אויף אפרוה. איינמאל איז ער געבליבן אויף שבת שקלים, און דער רב פון חב"ד איז געווען אין א פארלעגענהייט וואס ער זאל טון, צו ער זאל משנה זיין פון די מנהג המקום, און אים לאזן זאגען די יוצרות פון פרשת שקלים, צו נישט. און ער האט נישט געקענט מעיז פנים זיין, האט ער אים געגעבן רשות צו זאגען די יוצרות. נאך שבת האט ער אנגעפרעגט ביים רבי'ן צו ער האט גוט געטון, צו נישט. און די תשובה איז געקומען, אז ער האט גוט געטון. ווייל ווען עס קומט א אדם גדול, און ער האט זיינע מנהגים, דארף מען אים לאזן זיך אזוי פירן. אבער דאס איז נאר ווען דער אדם גדול דאווענט אליין פארן עמוד, אבער ווען א פרעמדער דאווענט, זאל מען נישט משנה זיין פונעם מנהג המקום.

**הר"ר שרגא צבי:** דער **נאדבורנער רבי זצ"ל** פלעגט קומען צו מיין פעטער, און ער איז אמאל געווען אויף א שבת אין קראסנא בית המדרש, און ער האט פארגעזאגט הכל יודוך.

**רבינו:** מיין טאטע ז"ל פלעגט צו זאגן, אז דער **שאמלויא'ער רב זצ"ל** פלעגט צו זינגען הא-ל הפותח (בברכת יוצר) שטיקל ביי שטיקל. און ווען מיין טאטע פלעגט דאווענען פארן עמוד, פלעגט ער אויך זינגען הא-ל הפותח (בניגון ששים בשמחת תורה על הפיוט ידיד נפש).

**הר"ר שרגא צבי:** אין אלכסנדר זאגט מען אויך נישט ה' מלך ביי שלש סעודות.

**רבינו:** ה' מלך זאגט מען נישט אין אסאך פלעצער, צו זאגן שמע ישראל דאס איז נאר אין סיגוט.

**הרה"ג רבי יואל האלברשטאם:** אין סאטמאר זאגט מען, אז זאגן שמע ישראל קומט פונעם **רבי ר' הערש פון רימנוב**. די ניגון בבואו מאדום איז פונעם **רבי ר' הערש**.

**הרה"ג רבי יהושע:** ליינען משנה תורה פון א ספר תורה קומט פונעם **רבי ר' מענדעלע פון רימנוב**. אזוי אויך ליינען די נשיאים פון א ספר תורה.

**רבינו:** מיין טאטע האט געליינט די נשיאים פון א ספר תורה. אין וויענער שול האט מען נישט געליינט פון א ספר תורה, וויען איז אשכנז, וואס עס איז נייע זאכן האט מען נישט געטון אין וויען. מען האט נישט געליינט די נשיאים פון א ספר תורה, און מען האט נישט געליינט משנה תורה פון א ספר תורה.

**הרה"ג רבי יהושע:** פארוואס האט מען היינט נישט אזוי איינגעפירט?

**רבינו:** עס נישט א חסידישע מנהג וכדומה, עס איז נהרא נהרא ופשטיה, האט מען עס געלאזט אזוי ווי עס איז געווען.

**הרה"ג רבי יואל:** שבת האט דער שווער נישט געזאגט דעם יהי רצון.

**רבינו:** עס איז דא וואס זענען מפקפק אז כהנים זאלן נישט זאגן דעם יהי רצון, ווייל מען זאגט 'שבאם אני עבדך משבט פלוני וכו'. דו ביזט דאך א כהן, וואס הייסט אז דו זאגסט שבאם אני משבט פלוני. עס איז דא וואס זאגן אז עס גייט ארויף אויף די מאמע'ס זייט.

**הרה"ג רבי יהושע:** די מונקאטשער נוסח איז, 'שבזכות' שבט פלוני וכו'. איך האב געזען אין די באבוב'ער סידורים, אז שבת זאגט מען נישט דעם יהי רצון.

**רבינו:** אלע יהי רצון'ס איז נישט געמאכט פאר שבת. אין בעלזא האט מען נישט געזאגט דעם רבון כל העולמים פרייטאג צו נאכטס, מען האט נאר געזאגט ביז וברוכים הם, און וברוכים הם האט מען געזאגט פאר מנחה ערב שבת.

*

**הר"ר שרגא צבי:** אין אלכסנדר בית המדרש איז געווען א שליח פון ארץ ישראל, און ער האט געמאכט אן אפיעל פאר קמחא דפסחא פאר די

עניי ארץ ישראל, האט ער געזאגט אז דער **אלכסנדר רבי** אינדערהיים האט מייסד געווען א קופת צדקה, ער האט געשיקט געלט קיין ארץ ישראל, און ער האט מחייב געווען יעדן איינעם צו שיקן א זלאטע. האט דער שליח געזאגט, אז היינט איז נישט דא קיינער אין דעם מצב וואס מען איז געווען אין פוילן, און עס איז נישט געווען אלכסנדר חסידים אין ארץ ישראל, מען האט געשיקט פאר דעם לעלוב'ער רבי'ס קינדער וכדומה, און פון דעסטוועגן דאך האט ער מחייב געווען יעדן איינעם.

**רבינו:** ער האט געהאלטן אז די עניי ארץ ישראל זענען קודמין. עס איז דא א שמועס דערויף, ווען עס איז דא א עני פון ארץ ישראל, און א עני פון דאהי, פארוועם מען דארף קודם געבן. עס איז דא וואס האלטן אז עניי ארץ ישראל קומט קודם, און נאך עניי ארץ ישראל קומט עניי עירך (עיין **בש"ך** יו"ד סימן רנ"א סק"ו, **ובשו"ת אמרי אש** יו"ד סימן ק"א, **ובשו"ת לבושי מרדכי** מהדו"ת סימן קי"ג). נאכדעם איז דא א צווייטער שמועס צו ווען מען איז מנדב פאר רבי מאיר בעל הנס, צו מען קען דאס געבן פאר יעדע צדקה, צו די צדקה גייט דוקא פאר עניי ארץ ישראל. עס איז אנגענומען אין די פוסקים אז עס דארף גיין פאר עניי ארץ ישראל (כן הוא תקנת **הבית יוסף והמהר"ם אלשיך**, עיין **בשו"ת אמרי אש** יו"ד סימן ק"ב, **ובשו"ת מהר"י אסאד** יו"ד סימן שט"ו, **ובשו"ת בית יצחק** או"ח סימן י"ט וכו', **ובשו"ת חתם סופר** ח"ו סימן כ"ז).

*

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת ש"ב הר"ר **משה מנחם באבאד** הי"ו (נכד **הגה"צ בעל אהבת חיים ממאקאווא זצ"ל**), עב"ג בן הר"ר **מנחם וויינבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר החופה השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **יצחק דייטש** הי"ו (לעיקוואד), עב"ג בן הר"ר **גרשון קרויס** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פארעדייס. **רבינו שליט"א** נתכבד באמירת שבע ברכות, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בת ש"ב הר"ר **משה מנחם באבאד** הי"ו.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **משה דוד גוטמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יוסף אהרן רובין** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שני פרשת מצורע</u>***

בשעות הצהרים נכנס **רבינו שליט"א** לבית מדרשנו הגדול, שהיה מלא בבחורי חמד דקהלתנו וישיבתנו הק', שלמדו בהתמדה יתירה במסגרת **'ישיבת בין הזמנים'**. **רבינו שליט"א** עבר בין השורות, וניגש אל מארגני המסגרת, והביע קורת רוחו על פעלם הטוב, להגדיל תורה ולהאדירה.

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של החתן **יקותיאל שמואל** נ"ו, בן הרה"ג רבי **בנימין פאפלאנאש** שליט"א, עב"ג בת הר"ר **חיים ניסן טויבער** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה עלה **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **יצחק אלעזר ווערצבערגער** הי"ו וקבע מזוזה. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הרה"ג רבי **בנימין פאפלאנאש** שליט"א, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שלישי פרשת מצורע</u>***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **פנחס אבערלאנדער** הי"ו (חתן הר"ר **אליעזר פליישמאן** הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**רש"י** (שמות יב-ו) ברענגט צו דער מדרש (מכילתא בא), ואעבר עליך ואראך מתבוססת בדמיך ואומר לך בדמיך חיי ואמר לך בדמיך חיי (יחזקאל טז-ז), יודען אין מצרים זענען געווען ערום ועריה פון די מצות, און דער אייבערשטער האט זיי געגעבן צוויי מצות, דם פסח און דם מילה. דם פסח איז

פארשטענדליך, דער אייבערשטער טוט א חסד מיט יודען, ער נעמט זיי ארויס פון מצרים, דארף מען ברענגען א קרבן הודאה פארן רבונו של עולם, וואס דאס איז דער קרבן פסח. ווי רש"י (שמות יב-יג) זאגט, אז פסח איז מלשון חמיל, דער אייבערשטער האט רחמנות אויף אונז, און ער נעמט אונז ארויס פון מצרים. אבער פארוואס האט מען צוגעטשעפעט צום דם פסח, אויך די מצוה פון מילה. און עס איז געבליבן א זכר אויף דורות, אז כל ערל לא יאכל בו (שם יב-מח), פסח קען נישט גיין מיט ערלות, פסח מוז זיין צוזאמען מיט מילה. וואס איז דער קשר איינס מיטן אנדערן.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז א יוד האט צוויי בריתים. עס איז דא ברית המעור, און עס איז דא ברית הלשון. דער ברית שחתמת בבשרנו, דאס איז איין קדושה וואס א יוד האט. און די צווייטע קדושה האט א יוד אינעם מויל, ברית הלשון. דער אייבערשטער האט ארויסגעהויבן דעם מענטש מער פון אלע אנדערע ברואים, דער באשעפער האט אים געגעבן א מתנה מער פון אלע אנדערע בעלי חיים, אז א מענטש איז א מדבר. און דער דיבור דארף צו זיין אויף תורה און תפלה, ערליכקייט, קדושה, דאס איז אין עשה טוב. און אין סור מרע, איז א געוואלד מיט עבירות פארבינדען מיטן דיבור. לשון הרע, רכילות, שקר, ניבול פה, און אנדערע עבירות וואס איז אלץ דא מיטן דיבור.

**די** צוויי קדושות זענען פארבינדען איינס מיטן אנדערען. וואס מיינט אז עס פארבינדען איינס מיטן אנדערן. ווען א יוד איז מקיים, און ער האלט זיך מיט קדושת הברית, האלט ער זיך אויך מיט קדושת הפה. זיין מויל וואס לערנט תורה, און דאווענט, האט אין זיך א חשיבות. און פארקערט אויך, א יוד וואס גיט אכט אויף די קדושה פון זיין מויל, קען ער זיך אויך האלטן מיט די אנדערע קדושה. די צוויי קדושות זענען פארבינדען איינס מיטן אנדערן.

**עס** שטייט אין די פוסקים (עיין **בדרך פקודיך** מצות מילה), אז ביי א ברית זאל מען מל'ן מיט א מעסער וואס איז שארף פון ביידע זייטן, וחרב פיפיות בידם (תהלים קמט-ו). מען מל'ט נאר פן איין זייט, אבער פונדעסטוועגן דאך נעמט מען א חרב וואס איז שארף פון ביידע זייטן, עס האט צוויי פיות. 'מילה' איז בגימטריא פ"ה, און 'פה' איז אוודאי בגימטריא פ"ה. ביי די מצוה פון מילה וויל מען ווייזען, אז עס דארף זיין א חרב פיפיות בידם, עס דארף זיין צוויי פה'ס. צו וויסען אז מען הייבט טאקע אן מיט קדושת המילה, דאס איז די ערשטע קדושה וואס מען לייגט אריין אין א קינד, אבער די קדושה איז אויך פארבינדען מיט א צווייטע פה, די ברית הלשון, אז א יוד דארף זיך אכט געבן ווי אזוי ער רעדט.

**ווען** מען וויל מצווה זיין די מצוה פון פסח, וואס איז א הודאה פארן רבונו של עולם, דאנקן דעם אייבערשטען מיטן מויל, סיפור יציאת מצרים, כל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח, דער גאנצער קרבן פסח איז דאך א שבח והודיה פארן אייבערשטען. מוזן די צוויי קדושות זיין צוזאמען, כל ערל לא יאכל בו. אז מען וויל האבען די קדושת הפה, קדושת הפסח, פה סח, מען זאל קענען ברענגען א קרבן, און אפגעבן דערויף א שבח והודאה פארן אייבערשטען, מוז זיין דערצו די קדושת המילה, חרב פיפיות בידם, עס מוז זיין ביידע פיות צוזאמען.

**פאר** יום טוב דארף מען האבן קדושת הפה, א הייליג מויל. עס שטייט אין **תפארת שלמה**, מצות תאכל במקום קדוש (ויקרא ו-ט), די מצות דארפן געגעסן ווערן אין א הייליג פלאץ. מען עסט עס מיטן מויל, און אז די מויל איז נישט קדוש, עסט מען נישט די מצות במקום קדוש. 'מצות תאכל', די מצות דארפן געגעסן ווערן, 'במקום קדוש', מקדש זיין זיך דעם דיבור, מיט תורה און תפלה. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען חוגג זיין דעם יום טוב ווי עס דארף צו זיין. און מיר זאלן זוכה זיין, בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **אלעזר מענצער** הי"ו (בן הר"ר **אשר יעקב מענצער** הי"ו), עב"ג בת הר"ר **חיים מאיר פריעדמאן** הי"ו, שהתקיים

באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרב **נחמן לייפער** שליט"א, עב"ג בן הרב **משה פרנס** שליט"א, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת מצורע***

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הרה"ג רבי חנני' **מאיר פאללאק** שליט"א (בן גיסו הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), שהתקיים באולם דיקאריעם.

*

***יום חמישי פרשת מצורע***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן ש"ב הרה"ג רבי חנני' **מאיר פאללאק** שליט"א. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***ערב שבת קודש פרשת מצורע***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **יואל מייזעלס** הי"ו (ק"י). אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***שבת קודש פרשת מצורע***

בשעות אחר הצהרים דרש **רבינו שליט"א** דרשת שבת הגדול בסוגיא דשבירת עצם בפסח (פסחים פה.). בדברי מוסר והדרכה האריך **רבינו שליט"א** בגודל אחריות האב על בניו, שמוטל עליו להשגיח על התנהגותם בתורה ועבודה, ועל בני ביתו ובנותיו שיתנהגו בדרכי הצניעות. ומכל שכן שלא יגרמו האבות במעשיהם חינוך קל לדורותיהם אחריהם, כי האב בביתו בכל תנועה שהוא עושה הוא מדריך את בני ביתו. – **ולדוגמא כאשר אינם רואים את אביהם קובע עתים לתורה, הרי זה כאילו מחנך אותם לביטול תורה. וכאשר ממהר לצאת מבית המדרש בעת התפלה, וגם מהמאחרים לבא, ובאמצע עוד משוחח עם חבירו, הרי זה מדריך את בניו לזלזל בעבודת התפלה. וכאשר רואים אותו מקושר להסמארט-פאון שלו, הוא מלמדם להשתעשע ולבטל זמנם לריק. ומכל שכן כאשר יודעים הם שאין עליו פילטער, הרי הוא מחנכם לעבירות חמורות.** וגם כאשר ברבות הימים יתעורר האב וישוב מאולתו, וישנה מעשיו לטובה, מכל מקום החינוך שנתן לבניו לא יוכל לעקור אותה למפרע, והם ימשיכו במה שלימדם בנערותם.

בתוך דבריו ביאר **רבינו שליט"א** סוגי הנגעים המבוארים בפרשה, שבאים מדה כנגד מדה. סוג נגעי בגדים מורה, שאין בני ביתו הולכים בצניעות כראוי, **הולכים בבגדי פריצות ובשייטלען ארוכות שנאסרו על ידי כל גדולי ישראל. ותיכף בליל החתונה שנעשו נשואות, שאז איסורן חמור לענין צניעות השערות וכו', לובשין שייטלען ארוכות ומפוזרות לכל צדיהם, והולכין תחת החופה בזרועות מגולות למחצה לשליש ולרביע.** ובאותו יום שמרבים בתפלה לה', מתחילים חייהם באופן של פריצות. והאב אחראי להודיע תיכף כשנעשה כלה, איך, ובאיזה אופן, יהיו הבגדים והשייטעל בשעת החתונה ולאחריו. **וגם בבגדי עצמו ובגדי הבנים צריכין להזהר שלא לילך בכיפה קטנה, או מנעלים ומשקפיים הדומות לדרכי העכו"ם.** – נגעי בתים רומז על פגם הבית בחינוך הבנים, שאינו משגיח על הנהגתם ללמדם בינה, ולהלהיב לבבם לתורה ועבודה, ואופן הנהגתו בבית בדיבור ובמעשה.

**רבינו שליט"א** האריך באופני החינוך שנשתנה הרבה משנות קדם, אשר אז היה קשר אמיץ וחזק בעבותות אהבה בין אב לבנים, והרבה שעות היו יושבים מסובים ביחד בשעות הלילה, בקירוב הלבבות ואהבה רבה. לא כן כהיום, אשר לילה כיום יאיר, וכאשר האב מגיע לבית לשעה קלה, ראשו בל עמו, וטרוד בהסמארט-פאון שלו, ואינו מעוניין כלל במה שבניו וילדיו מדברים עמו, ולא נבנה ביניהם שום קשר אהבה. וכאשר רוצה להוכיחם, אין עם מי לדבר, וכמו זר נחשבו אליו. **ומי שרוצה לראות כהיום נחת מבניו, צריך לסדר עצמו בשעות שיושב בבית, להשתעשע עם בניו, ולסגור הטלפון על שעה זו, כי בנים טובים ונורמלים חשובה יותר מכל מה שיש לפניו בעולמו.** ומכל שכן בבוא שבתות ומועדי השנה ובלילי הסדר לנצל הזמן לקרבם בדברי תורה ושיחות צדיקים, לעורר אהבת אבות על בנים.

בקול חוצב להבות אש הרעיש **רבינו שליט"א** על סכנת נגע הטעכנאלאגיע כדברים האלו: בליל פסח שורה

קדושה עצומה בכל בית ישראל, אור גדול שלא מרגישין כזאת במשך השנה, וכידוע מספרים הק' שאנו מארחים בו את הקב"ה ופמליא דיליה הבאים לבית כל ישראל, ואתכא דרחמנא אנו מסובין (תוס' ברכות מב:), וכל אחד לפי דרגתו מתעלה באמונת אלקי עולם, הוא ובניו יחדיו. ודבר זה נשאר לעולמי עד, שכאשר בני ישראל עורכים את הסדר בליל פסח, הקב"ה בא לבקר אותנו, ובאור פני מלך חיים, שמשרה קדושתו על הבית ובני ביתו.

**אמנם כואב הלב לומר, אשר לא כל אחד יזכה לזה שהקב"ה ופמליא דיליה יכנסו לביתו בליל פסח, יהיו בתים אשר יפסח ה' עליהם ולא יכנס. והם הבתים אשר יש בהם כלים שאין עליהם פילטער. הכל זוכרים כי בהכינוס עולמי אודות פילטער, פסק הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל שגם איש יהודי פשוט לא יכנס לבית הזה. ואם כן פשיטא שהקב"ה שכתב בתורתו, ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך** (דברים כג-טו), **לא יפסע בבית זה. וכמו כן כאשר פותחין הדלת בשפוך חמתך לכבודו של אליהו, ישאר עומד אצל הפתח ולא יכנס בתוכו.**

הרבה פעמים האבות אומרים ושואלים, למה הם רואים בהבנים קרירות לעבודת ה', ואין משימים אל לבם כי הם המה הגורמים לזה, הם אין מניחין להשכינה לבוא אל ביתם, הם סוגרים את הדלת בפניה. הם יושבים לספר ביציאת מצרים, להלהיב לב בני ביתם לאמונת אלקי עולם, אבל אם השכינה ופמליא דיליה לא נמצא שם בבית, אויר הבית לא מלא מקדושתם, איזה רושם יוכל דבריו כבר לעשות. יתכן שמיום חתונתו ואילך, לא ביקר ה' בביתו אף פעם אחת, ואיך יתחנך בבית כזה דורות ישרים ומבורכים. - כעת היא הזמן של ביעור חמץ, לבער מביתו כל הכלים האסורים, ואז יזכה שיאיר בביתו אור גדול בליל הסדר, מהשראת השכינה שבבית, ויתלהב לבבות הבנים, ויכנסו הדברים באזניהם, וקדושת השכינה תהא מדברת מתוך גרונו, לעורר את עצמו יחד עם בני ביתו, לאהבה את ה' וליראה אותו.

**והנני כופל בזה בקשתי מה שעוררתי כבר, שגם אלו שיש להם פילטער, ישתדלו שיהיה עליו חותם מאושר מאותו קאמפאני שעשו את הפילטער, כדי שיוכל כל אחד לראות שיש עליו פילטער כשר. וכאשר יראה את חבירו שלוקח סמארט-פאון בידו ואין עליו חותם, ישאל אותו למה אין לו עליו חותם הכשר.** ובזה יזכה את הרבים שאין חטא בא על ידו. ויהיה לתועלת רב גם לבניו ובני ביתו, שיראו תמיד שיש להאב כלי שהוא כשר, ויתחנכו שאין להשתמש בכלי שאין עליו פילטער. ויש לכל אחד להרגיל עצמו שלא ליגע בכלי שאין עליו חותם שהוא כשר. (תוכן הדרשה במלואו נדפס בגליון דברי תורה).

*

בסעודה שלישית נתכבד **הרה"ג רבי יהושע שליט"א** בברכת המזון.